

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת תולדות

# צו פארמאטערט צו טראכטן

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים

כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון אייער טאטע

## פרשת תולדות

# צו פארמאטערט צו טראכטן

"א גוטן איציק," האט דער טאטע באגריסט איציק ארייינקומענדיג אין הויז, "ווי אזוי איז געווען אין חדר היינט?"

איציק איז אראפגעשפרינגען פון קאוטש, הערנדיג דאס קול פון טאטן, און זיך געשטעלט אויף די צוויי פיס מיט דרך ארץ. "אה, געוואלדיג!" האט איציק געענטפערט, "מיין רבי האט אונז היינט געמאלדן, אז די קומענדיגע וואך וועט פארקומען א גרויסער חומש פארהער! ר' אנשיל האלצבערג וועט מנדב זיין די הוצאות און דער הורקי רבי שליט"א אליין, וועט ערשיינען זיך צו באטייליגן אינעם גרויסן מעמד. מיר וועלן האבן די זכי' אז דער רבי שליט"א וועט פרעגן די שאלות. די הנהלה האט צוגעגרייט פול מתנות, פאר ווער ס'וועט ענטפערן ריכטיג. און דער וואס וועט ענטפערן די מערסטע שאלות וועט אריינגיין אין א גורל, צו געווינען א נייע בייק!" האט איציק אויסגערופן מיט עקסטאז. "אה, איך האף אז איך וועל זיין דער געווינער!"

"איך האף אויך," האט דער טאטע צוגעשטימט, ארויסנעמנדיג עטליכע בלעטער פון טאש. "איך האב היינט באגעגנט דיין רבי אין שול און ער האט מיר געזאגט אז ער האט פארגעסן דיר צו געבן די רעגיסטראציע פארעם אויסצופילן."

איציק האט איבערגענומען די בלעטער פון טאטן מיט א בלינק אין די אויגן, "וואס איז דאס? א רעגיסטראציע פארעם? אויף וואס?"

"יא," איז דער טאטע מסביר, "יעדער אינגל וואס וויל מיטהאלטן די גרויסארטיגע מעמדביים פארהערן, מוז ביז מארגן אינדערפרי האבן אויסגעפילט דעם פארעם."

איציק האט באטראכט די מוסדות הורקי לאגא, פאר ער איז צוריק ארייגעפאלן אין קאוטש, "אהההה, איך בין א-ז-ו-י מיד," האט ער אויסגערופן מיט א געניץ, "און פונקט יעצט האלט איך אינמיטן לייענען די נייע קאמיקס ביכל פון בערי און לייבי..."

"איציק," האט דער טאטע נישט געקענט פארשטיין, "וועסטו אויפגעבן די איינמאליגע געלעגנהייט פונעם פארהער, נאר ווייל דו ביסט יעצט אביסל מיד אדער פויל? טראכט אריין וואס דו קענסט אלץ פארלירן פון דיין פוילקייט. און דאס ביכל האב איך נישט געקויפט אז עס זאל גורם זיין ביטול תורה, נאר אז דו זאלסט עס לייענען אין דיין פרייע צייט."

"אהההה, איך בין זייער ז-י-י-ע-ר אויסגעמוטשעט..." האט איציק ארויסגעקרעכצט.

דער טאטע האט זיך פארטראכט און איז ארויס פון צימער. און איציק האט זיך צוריקגעקערט צו זיין אינטערעסאנטע קאמיקס ביכל, וואס האט אים געהאלטן געשפאנט. ער האט געליינט פון די יונגן וואס פרובירן מיט אלע כוחות אוועקצונעמען די אינגלעך פון לערנען תורה...

פלוצלונג איז איציק געכאפט געווארן אין שאק. פון א זייטיגע אויג האט ער באמערקט עפעס רויטליך ארײנקומען אין ספרים צימער. ״ווער איז דאס?!״ איז איציק אויפגעשפרינגען פון קאוטש ״ווער איז דער שרעקעדיגער מענטש דא?!״ איז איציק שוין באמת דערשראקן געווארן. עס האט אים געדויערט א ווײלע צו כאפן אז דער רויט-האריגער מאן איז נישט קיין אנדערער ווי זיין טאטע אליין. ער האט זיך פארשטעלט פאר א ---? ״וואס ביסטו? אה, עשו?!״ דער טאטע האט ארויסגענומען פון פורים באקס עטליכע פארשטעלאכצער און זיך באקלײדעט ווי עשו מיט א פײל און בויגן אין האנט.

״פארוואס טאטי?״ האט זיך איציק געוואונדערט.

״זאג דו מיר, פארוואס האב איך מיך פארשטעלט פאר עשו?״ האט דער טאטע געהייסן איציק צוטרעפן.

איציק האט זיך פארטראכט. ס׳איז געווען אביסל מאדנע צו זען דעם טאטן אזוי פארשטעלט - ער איז נישט געווען צוגעוואוינט דערצו. ״ההממ... ווייל די וואך איז פרשת תולדות און מען לערנט פון עשו,״ האט איציק געמיינט אז ער האט צוגעטראפן.

״כמעט,״ האט דער טאטע געשאקלט מיטן קאפ, ״אבער דאס וועט דיר נאכנישט מאכן געווינען דעם נייעם בייק...״



״איך ווייס נישט...״ איז שוין איציק געווארן אומגעדולדיג.

״איצעלע,״ האט דער טאטע געזאגט, ״טראכט ארײן פאר א מינוט, וואס האט עשו אויפגעגעבן אין די וואכעדיגע סדרה?״

״אה, איך כאפ שוין, עשו האט פארקויפט די בכורה פאר א טעלער לינזן זופ.״ האט שוין איציק צוגעטראפן.

״ריכטיג,״ האט דער טאטע באשטעטיגט, ״איציק, טראכט ארײן, עשו האט געהאט די בכורה אין האנט, ער

האט געהאט אלע רעכטן פאר כבוד און גדולה. ער האט געהאט די געוואלדיגע זכי׳ צו טון די עבודה פון כהונה. אנשטאט אז די כהנים זאלן זיין פון שבט לוי, וואלטן עשו׳ס קינדער געטון די עבודה אין בית המקדש.״

״טאקע?!״ איז איציק געשטאנען פארגאפט.

״יא, אבער ער האט דאס אלעס פארקויפט. און אויף וואס? פאר א טעלער זופ!״

״ס׳איז זייער שווער צו פארשטיין אזא זאך״ האט איציק נישט משיג געווען, ״עשו איז דאך אויפגעוואקסן אין די הייליגע שטוב פון אברהם, יצחק און יעקב. ער האט זיכער געוואוסט וואס דאס מיינט בכורה, פארוואס זאל ער עס וועלן איינטוישן פאר א טעלער זופ?״

״קוק אהער,״ האט דער טאטע ווייטער מסביר געווען, ״עשו איז אהיימגעקומען נאך א לאנגער טאג ארבעט. ער איז געווען אויסגעמוטשעט און הונגעריג. ער האט פון גארנישט געוואלט טראכטן, נאר פון א גוטע הייסע מאלצייט און א בעט זיך אויסצורוען. און אין יענע שוואכע מינוט האט ער געמאכט א קריטישע החלטה, וואס האט געטוישט זיין לעבן און די גאנצע היסטאריע אויף אייביג.״

״אבער איך בין זיכער אז ער וואלט ווען געקענט עסן עפעס אנדערש אין אפאר מינוט ארום. איך קען נישט גלייבן אז איינער זאל וועלן אויפגעבן אזא גרויסע זאך פאר אזא קלייניגקייט.״

״יא יא, דיינע אויערן זאלן הערן וואס דיין מויל רעדט,״ האט דער טאטע צוריקגעווארפן די שאלה צו איציק, ״איז עס טאקע ריכטיג צו מאכן אזעלכע וויכטיגע החלטות ווען מען איז אביסל מיד? וועסטו אויפגעבן די חומש פארהער, ווייל דו ווילסט יעצט ליינען אן אינטערעסאנטע קאמיקס ביכל?״

״איציק האט זיך פארטראכט פאר א ווייל, באטראכנדיג דער טאטנ׳ס פורים פארשטעלאכץ, ״ס׳איז טאקע נישט ריכטיג אויפצוגעבן אזא וויכטיגע זאך פאר אביסל פוילקייט. טאטי, איך קען בארגן דיין פענע?״

״זיכער״ האט דער טאטע געענטפערט, אויסשטרעקנדיג זיין פענע.

״איך וויל נישט אויסקוקן ווי, עשו, וואס האט אויפגעגעבן עפעס טייער נאר ווייל ער איז געווען מיד און אויסגעמוטשעט.״

א גוט שבת



**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה״ג ר׳ משה בערגמאן שליט״א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**


כל הזכיות שמורות